# ייִדיש פֿאַר אַלע


חודש־זשורנאַל אַרויסגעגעבן
פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט / ייִוואָ
אונטער דער רעדאַקציע פֿון נח פּרילוצקי

ערשטער יאָרגאַנג

ווילנע / 1938


## JIDIŠ FAR ALE


MIESIĘCZNIK WYDAWANY PRZEZ SEKCJĘ FILOLOGICZNĄ
ŻYDOWSKIEGO INSTYTUTU NAUKOWEGO (JIWO)
POD REDAKCJĄ N. PRYŁUCKIEGO
TOM I

*ISSUED MONTHLY BY THE DEPARTMENT OF FILOLOGY,*
*YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE (JIVO)*
EDITED BY N. PRYŁUCKI
VOLUME I

WILNO / 1938


# אינהאַלט


אַבי־ווער: צווײ טערמינען 257.
אונדזער בריווקאַסטן[1] — 158, 199, 232, 295.
אליצקי ל.: מיר אַרבעטן... 24. סריסקער ווערטער 222. מיטוואָך 261.
אַנקעטעס[1] — 62, 127, 160, 198, 262.
באַמזע נ.: שנעק 197.
באַנד ה.: האָסטרשאַפֿט? 185.
בירנבוים ש. ד״ר: שוהפּוהדיק שרײַב־לשון און שוהפּוהדיקע הברה 245.
בלומענטאַל נ.: פֿאַרקירצונג דורך פּאַרטיציפּ 260.
בראַווערמאַן ב.: בילסקער נעאָגראַפֿיע 157, 188. שנעק 197. סטאַרע 260.
גאָלאָמב אַ.: עטלעכע באַמערקונגען צו „ייִדיש פֿאַר אַלע" 293.
געלב א.: 'צו קינד' צי 'צום קינד'? 186.
געלבערג מ. ל.: 'בענדער' צי 'בענר' 182.
גראָסמאַן מ.: פֿאַרזיכטיק מיט עקסטרעמען 90.
גרודבערג י.: פֿון ייִדיש אין טשעכאָסלאָוואַקײַ 195.
גרינבוים ה.: פֿון לערערישער פּראַקטיק 290.
גריס נ.: וועגן דער טראַנסקריפּציע פֿון גריכישע נעמען 122.
דאָקטאָרטשיק א.: 'יהדות' צי 'ייִדות' 231.
האָכערמאַן נ.: אַ ביסל פֿראַזעאָלאָגיע 229.
האַראָנטשיק ש.: דער מלאך פּימפּער 231.
הערנהוט י. פּלינגשוועמלעך 118. לובלינער נאָסן 155.
ווײַנטרויב י.: פּילעווער ווערטער 222.
ווײַנרײַך מ.: ווען זאָל מען ניצן 'אַלס'? 21. דיטשמעריש מיר ניט 97. זיבן נומערן „ייִדיש פֿאַר אַלע" 280.
ווײַסמאַן ג.: ראַדעמער נעאָגראַפֿיע 223.
ווינטער ש.: צופּריפֿטן 126. ניטא 'פֿיר' נאָר für? 158.
זאַלצבערג י.: אַ פּאָר פֿאָרשלאָגן צו דיסקוסיע 197.
זײַטשיק א. ח.: טעכער 127. וועגן אייניקע רעדנסאַרטן 261. ווערטער צו דיסקוסיע 264.
זעלקאָוויטש י.: צופּריפֿטן 261.
טויב י.: לויזיטשער נעאָגראַפֿיע 125. שנעק 197.
טענענבוים ש.: נעמען פֿון גאַסן 157.
טשאַטשקעס י.: פֿאַרקירצונג דורך פּאַרטיציפּ 27.
יאָפֿע י. אַ.: אַ פּאָר כאַלות־ותשובות 272.
יאַראָז מ. ש.: ניטא 'פֿיר' נאָר für? 158.
יאַשונסקי י.: אויסנײַען 255.
לאַנדוי י.: צונטער 157. גאַסן און פּלעצער אין קשאַנעוו 226.
לאַנדמאַן מ.: פֿינאַנצאַמט 197.
לעווין מ.: „ייִדיש פֿאַר אַלעמען" 294.
לערער מ.: 'גרויסעס', 'סעהנעס' 60.
מאַנדלמאַן מ.: שקרלעצער ווערטער 221.
מאַרק י.: אַ פּאָר נאָך וויכטיקע ספֿקות פֿון אונדזער איצטיקער כּלל־שפּראַך 233, 265.
סעמיאַטיצקי ח.: וועגן צווײ רעדנסאַרטן 31.
עלבערגער אַ. ה.: שנעק 197. זאַלעפּשטיקער ווערטער 222.


1 מיט באַטייליקונג פֿון: אליצקי ל., בובאַנסקי י., בזשעזינסקי א., בינשטאָק מ. מ., בלאַנקמאַן מ., בערנהאַלץ ר., בראַווערמאַן ב., ברום ח., גאָלאָמב א., גאָרדאָנזאָן י., גראָנשטיין י., דיסמאַן ד., האָרטמאַן י., הערצל א., ווײַסמאַן ג., ווינטער ש., וועגמײַסטער מ., זאַלצבערג י., זעלקאָוויטש י., טויב י., טענענבוים ש., יאַראָז מ. ש., כּץ י., לאַנדוי י., לאַנדמאַן מ., לעוואַראָוויטש י., ליכטנשטיין י., לערער י., מאַקאָווסקי ז., ניסנהאָלץ ב. ע., עלבערגער א. ח., עלזעס א., פּיפּע ש. ז., פֿישטער ש., קויפֿמאַן פּ., קלערער ב., ראַבינאָוויטש י., ראָזנפֿעלד א., רויזן ב., שיק י., שרײַבמאַן י. א.

# דײַטשמעריש טויג נישט

אין „ייִדיש פֿאַר אַלע" נומ׳ 2 שרײַבט אַהרן צייטלין וועגן דעם וואָרט „פֿאַרריקט":

„מען דאַרף כּלעבן זײַן פֿאַרריקט נישט צו האָבן קיין מאָל געהערט דאָס וואָרט אויסן מויל פֿון פּוילישע ייִדן".

זייער אַ האַרבער פּסק און זייער אַ קאַטעגאָרישער. נאָר פֿון דעסט וועגן שטעל איך אײַן און לאָז וויסן, אַז איך בין אויך פֿון יענע וואָס פּסלען דאָס וואָרט „פֿאַרריקט" אין ייִדיש, און אויך דאָס וואָרט „אַלזאָ", וואָס צייטלין רעקאָמענדירט עס אין דעם אייגענעם אַרטיקל. טאָ לאָמיר זיך פֿאַרהערן מיט אונדזערע ראַיות.

פֿון דעם וואָס מען זאָגט איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף זאָגן. אַ בפֿירושער גרײַז ווערט דאָך אויך נישט געבוירן פֿריִער ווי עמעצער זאָגט אים אַרויס אָדער שרײַבט אים אָן. און פֿאַראַן נישט נאָר אינדיווידועלע גרײַזן, נאָר אויך קאָלעקטיווע, שטאַרק פֿאַרשפּרייטע. אַ סך מענטשן זאָגן „יוריסט־קאָנסולט" אַנשטאָט יוריס־קאָנסולט. מאַסן מענטשן זאָגן „פּרעקוועגק" אַנשטאָט פּרעקווענץ. איז וואָס, אַחרי רבים להטות?

איך האַלט אויך פֿון דעמאָקראַטיע, אָבער נישט אויף דעם אופֿן, אַז מען זאָל כאַפּן אויף טראַף אַ פּאָר מבינים ייִדן און מאַכן בײַ זיי אויפֿן אָרט אַן אָפּשטימונג, און ווי זיי זאָגן, אַזוי זאָל בלײַבן. אַ מאָל פֿלעגט מען ברענגען פֿון די מינסקער ייִדנס וועגן: „די דערעוויעס פּאַכנען מיט אַ פּריאַטנעם זאַפּאַך", און אויב דאָס איז אַ ווילדערישע גוזמא, זײַנען אָבער „גוליאַיען", „קאַטאַיען זיך", „פּשעקאָנירן זיך" לויט דער פֿאַרשפּרייטונג געוויס אַ סך גיכער פֿאָלקסווערטער איידער „אַלזאָ". אָבער אונדזער קולטורשפּראַך וועט זיך באַגיין אָן זיי. איך האָב אויך, פּונקט אַזוי ווי אַ. צייטלין, קיין פּלעביסציטן נישט געמאַכט, נאָר דער שׂכל טראָגט אויס, אַז אַ סך מער פּוילישע ייִדן זאָגן בײַ היַינטיקן טאָג „סאָנד" און „סענדזשיע", איידער געריכט און ריכטער. פֿון דעסט וועגן, אויב איך קווענקל זיך נאָך, צי געריכט און ריכטער זײַנען אידעאַלע ייִדישע ווערטער, בין איך אָבער לחלוטין זיכער, אַז סאָנד און סענדזשיע טויגן נישט.

וואָס זשע איז דערפֿון געדרונגען?

אַז אויב מען וויל קלאָר ווערן מכּוח ווערטער און פֿאָרמען, צי זיי טויגן אונדז יאָ אָדער זיי טויגן אונדז נישט, איז נישט גענוג צו קאָנסטאַטירן, אַז זיי זײַנען במציאות; מען דאַרף זיי אַנאַליזירן. און וואָס מער מיר וועלן זיך קענען אויפֿהייבן איבערן פּרט, וואָס מער מיר וועלן זײַן בכּוח דעם פּרט וואָס אינטערעסירט אונדז אַרײַנצושטעלן אין דער ברייטער רעם פֿון אונדזער אַלגעמיינער באַהאַוונטקייט אין דער שפּראַך, אַלץ מער מעגן מיר זיך ריכטן צו קומען צו אויספֿירן וואָס זאָלן זײַן נישט סתּם גערעדט, נאָר אײַנגעפֿונדעוועט ווי ס׳געהער צו זײַן.

צייטלינס פּסק־דין רירט אָן די אַלגעמיינע פּראָבלעם וועגן דײַטשמעריש. דאָס איז איינע פֿון די געציילטע גרונטפּראָבלעמען פֿון ייִדיש — אַ פּראָבלעם וואָס האָט זיך נאָך ערשט אויך אַ סך פֿאָרשונג. אויף צו פֿאַרענטפֿערן זי דאַרף מען האָבן נישט נאָר אַ סך דיסקוסיעס, נאָר אויך אַ סך פֿאָרשונג. ווײַט נישט אַלץ איז שוין דאָ אויף אַזוי פֿיל פֿעסט, אַז מען זאָל וועגן

דעם קענען ריידן מיטן פֿולן מויל; אָבער צוריק גערעדט ווייסן מיר שוין גענוג וועגן דעם ענין, אַז מען זאָל פּרווון קומען צו אַ שטיקל פֿאָרמולירונג. דאָס וועט קאָנקרעטיזירן די דיסקוסיע און גרינגער מאַכן צו גיין פֿאָרויס.

איך ברענג מײַן קוק מעשׂה טעזיסן, ווי ווײַט מיגלעך בקיצור. דערבײַ בעט איך האָבן אין זינען, אַז איך רייד דאָס מאָל נאָר וועגן ווערטער-אוצר, הגם דײַטשמעריזמען האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַלע כּפֿערעס פֿון דער ייִדישער שפּראַך — אין דער פֿאָנעטיק, אין דער מאָרפֿאָלאָגיע, אין זאַצנבוי אאַז״וו. נאָר בײַ די ווערטער וואַרפֿן זיי זיך צום מערסטן אין די אויגן, און דער ווערטער-אוצר איז אפֿשר טאַקע דאָס ערשטע אין אונדזער אַרבעט צו שאַפֿן די איינהייטלעכע ייִדישע קולטורשפּראַך.

1. וואָס דײַטש איז, ווייסן מיר, וואָס ייִדיש איז — אויך. נאָר וואָס איז דײַטשמעריש? דײַטשמעריש איז שעטנז; דאָס זײַנען אַזעלכע שפּראַכיקע עלעמענטן וואָס קומען פֿון דײַטש און ווילן מאַכן דעם אָנשטעל פֿון ייִדיש; עלעמענטן, וואָס אין דער אמתן זײַנען זיי ניט קיין ייִדיש און ניט קיין דײַטש.[1]

פֿאַרגלײַכט צווײ זאַצן: „ער האָט פֿיל געלײַסטעט״ (מען לייענט אַזוינס ברוך-השם גענוג אָפֿט, איבער הויפּט אין די געהויבענע סרײַבעכצן פֿון אונדזערע בלעטער) און ער האָט היפּש אויפֿגעטאָן. אַ דאָ אַ דאָרט, וועט אײַך זאָגן דער לינגוויסט, האָבן מיר צו טון הײַל מיט „דײַטשע״ עלעמענטן. נאָר ווי דוכט זיך אײַך, פֿאַראַן אַ נפֿקא-מינה צווישן דײַטשמעריש און ייִדיש?

2. ווערטער וואָס זײַנען פֿאַראַן אין רובֿ ייִדישע דיאַלעקטן און זײַנען אַרײַן צו אונדז אין אַן עלטערער תּקופֿה פֿון ייִדיש זײַנען כּשר לכל-הדעות.

אומזיסט הייסט עס דער איראָניזירנדיקער חשד, אַז די פּוריסטן האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אַרויסצוואַרפֿן פֿון ייִדיש אַלע ווערטער וואָס קומען פֿון דײַטש. דעם פּוריזם לאָמיר דאָ בעסער אין גאַנצן לאָזן צו רו; דאָס איז אַ באַזונדער וואָס מען דאַרף אַרומריידן באַזונדער אויף צו דערקלערן זיך צו זײַן תּוך. לאָמיר בעסער זאָגן „אַנטידײַטשמעריסטן״. די אַנטידײַטשמעריסטן האַלטן ניט, אַז טיש, שטוב, ערד, הימל זײַנען פּסולע ווערטער. פֿאַראַן טאַקע אין דײַטש אויך ווערטער וואָס קלינגען פּונקט אַזוי אָדער אין דעם ערך, אָבער פֿאָרט זײַנען דאָס ייִדישע ווערטער. הייסט עס נישט אַלע ווערטער וואָס וואַקסן פֿון דײַטש זײַנען פּסול; עס ווענדט זיך, ווו דער חמר שטייט.

3. מיר ווייסן שוין אַזוי פֿיל וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדיש, אַז מיר קענען זאָגן מיט פֿיל-ווינציק זיכערקייט: די שפּראַך פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד, אַפֿילו אין די עלטסטע צײַטן, איז קיין מאָל ניט געווען אידענטיש מיט דער שפּראַך פֿון די דײַטשן; „ייִדיש דײַטש״ איז אַלע מאָל געווען עפּעס אַנדערש ווי „קריסטלעך דײַטש״. אָבער דער קאָנטאַקט מיט דײַטש האָט אָנגעהאַלטן לאַנג, שיִער ניט ביז אין אונדזער צײַט אַרײַן. עס האָבן געשטראָמט צו אונדז דײַטשע ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן און אין פֿאַרשיידענע לאָגלען אַרײַן: צו די אָדער יענע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן אונדזערע, צו דעם אָדער יענעם ייִדישן דיאַלעקט. גייט הייסט עס אין געפֿינען קריטעריומס פֿאַר יענע דײַטשע ווערטער וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען צו אונדז אין שפּעטיקערע תּקופֿות (נאָכן 16טן יאָרהונדערט, לאָמיר זאָגן) אָדער נאָר אין איינציקע מקומות.

1 נאָך אין 1912 האָט ש. ניגער אין זײַן אַרטיקל: „דײַטשמעריש״ אין ווילנער „לעבן און וויסנשאַפֿט״ נומ׳ 11—12 זז׳ 49—55 געשריבן: „דײַטשמעריש אָדער באַרדיטשעווער דײַטש איז אַ לשון וואָס איז ניט דײַטש און ניט ייִדיש״.

דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן אַרטיקל דאַרף מען נאָך הײַנט לייענען און איבערלייענען, כאָטש טייל טעזיסן זײַנען וואָלט געווים דער מחבר גופֿא הײַנט פֿאָרמולירט אַנדערש.

4. דער סקאַרבאָוווער גאַנג בײַ אונדז איז צו באַשולדיקן די השׂכּלה; און די נעמען „דײַטשן", „בערלינטשיקעס" זאָגן עדות, אַז ס'איז ניט קיין שקר-בילבול. אָבער די משׂכּילים זײַנען ניט געווען די ערשטע. דײַטש האָט געפלייצט צו אונדז—שוין לאַנג נאָך דעם ווי ייִדיש איז געוואָרן אַ שפּראַך פאַר זיך—דורך די מוסר-ספרים וואָס מען האָט געדרוקט אין מערבֿ-אייראָפּע, דורך די מלמדים וואָס זײַנען געגאַנגען קיין דײַטשלאַנד קנעלן, דורך די סוחרים וואָס זײַנען געפאָרן אויף די לײַפּסקער יאַרידן. דאָס נײַס וואָס די השׂכּלה האָט אַרײַנגעטראָגן איז געווען אין צוויי זאַכן: זי האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די דײַטשע עלעמענטן אין כּמות, און זי האָט געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר פאַר דער דײַטשמעריזאַציע. מען דאַרף טאַקע אַרײַננעמען וואָס מער דײַטש, האָבן געהאַלטן די משׂכּילים, ווײַל אויף אַזאַ אופן וועלן ייִדן זיך אָפּגעוווינען צו ביסלעך פון זייער „זאַרגאָן" און צוקומען צו אַ לײַטישן „טײַטש". דער ראָש-המדברים פון דער דאָזיקער שיטה איז געווען אײַזיק-מאיר דיק.

אָבער הכן מיר לאַכן און מיר קרימען זיך לייענענדיק דיקס „ווערקע", טאָרן מיר נים פאַרגעסן, אַז מענדל לעפין איז לאַנג ביז דיקן אַרויס אויף מלחמה קעגן דײַטשמעריס, אַז די השׂכּלה האָט אַרויסגעבראַכט אַזוינע מײַסטערס פון ייִדיש ווי פערל, גאָטלאָבער, עטינגער, אַקסענפעלד, און אַז יהושע-מרדכי ליפשיץ און מענדעלע קומען אויך פון דער השׂכּלה, הגם זיי זײַנען זי אַריבערגעוואַקסן מיט אַ סך קעפּ.

5. נאָך מיט עפּעס מעג מען מלמד-זכות זײַן אויף דער השׂכּלה: די באַוועגונגען וואָס נאָך איר זײַנען אויך ניט געווען בעסער. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט אַרײַנגעבראַכט נײַע דײַטשע ווערטער אין די הונדערטער—אויף אַזוי פיל, אַז פון טייל וועלן מיר שוין מיסתּמא קיין מאָל ניט פּטור ווערן: אַנטוויקלונג, באַוועגונג, געזעלשאַפט, געשיכטע, פאַרזאַמלונג, פאָרזיצנדער, קאַמף, שטרײַט און נאָך און נאָך. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אונדז מזכּה געווען מיט אַ ספּעציפישן סאָרט ווערטער (זידלונג, לאַנדעס-אָרגאַניזאַציע, פּערמאַנענץ-אויסשוס און דאָס גלײַכן). אַפילו דער ייִדישיזם גופא האָט געגעבן צו שטײַער מיט אונטערריכט-שפּראַך, שולוועזן וכדומה.

איך דערמאָן זיך, אַז 1908 האָט אַן אַנאָנס אין לידסקיס אַ לוח אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז אין ניכן דאַרף אַרויסגיין אַ נײַ בוך פּרצעס: „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אויף אַזוי פיל איז דאָס וואָרט געווען פרעמד, אַז דער זעצער מיטן קאָרעקטאָר (און אפשר דער שרײַבער פון דער מודעה) האָבן דאָס פאַרבונדן מיטן שורש „סטים". הײַנט איז שווער צו געפינען אַ ייִדישיסט וואָס זאָל דאָס וואָרט ניט ניצן—ניט דווקא ווען ער רעדט וועגן פּרצעס בוך. אָבער צי איז דאָס וואָרט געוואָרן אין גאַנצן ייִדיש? דאָס איז נאָך אַ שאלה. פאַר מיר איז עס נאָך אַלץ דײַטשמעריש, כאָטש קיינער וועט ניט פאָרלייגן צו בײַטן פּרצעס טיטל. אָט פלעגט דאָך פּרץ ניצן „שטאַט" אנשטאָט מלוכה, ער האָט געקענט שרײַבן „פעדערן" (fördern) מיטן פּשט: אויפהייבן, פירן פאָרויס, מאַכן פּראָגרעסירן—און מיר טוען אים ניט נאָך. איך בין מ... ט נישט נאָכצוגעבן, אַז מיר זאָלן דאָס וואָרט פאָלקסטימלעך דערווײַל לאָזן צו רו; כּל-זמן איבער אונדזער ים טראָגן זיך דײַטשמערישע וואַלפישן, מעגן מיר לאָזן גענאָך די פלאָטקעלעך און אפילו די העכט.

6. טייל דיאַלעקטן אונדזערע זײַנען ספּעציעל רײַך אין דײַטשע עלעמענטן. אָט די עלעמענטן וואַקסן פון פאַרשיידענע וואָרצלען. אין גרויס-פּוילן, זאַגלעמביע, קראָקעווער געגנט שפּירט מען נאָך באַשײַמפּערלעך רעשטן פונעם מערבֿדיקן ייִדיש—פון יענעם ייִדיש וואָס מען האָט אַ מאָל גערעדט אין דײַטשלאַנד און וואָס איז געוויינטלעך געווען אַ סך „דײַטשער" איידער אונדזער ייִדיש אין מיזרח-אייראָפּע. חוץ דעם געפינען זיך די אָנגערופענע דיאַלעקטישע גרופּעס (און אַזוי אויך קורלאַנד, מערבֿ-ליטע) האַרט אויפן דײַטשן שפּראַכגרענעץ, האָט מען דאָ תּמיד געהאַט מער געלעגנהייט אַרײַנצונעמען דײַטשע ווערטער דירעקט פון די דײַטשע שכנים. אין לאָדזש און אין דער לאָדזשער סבֿיבֿה איז דער דײַטשער ייִשובֿ אַלט סך-הכּל אַ הונדערט

יאָר, אָבער פֿאָרט האָט דאָס כּסדרדיקע באַגעגענען זיך מיט דײַטשע אַרבעטערס און מײַסטערס געווירקט אויפֿן דאָרטיקן ייִדיש (ייִדיש האָט צוריק משפּיע געווען אויפֿן דאָרטיקן דײַטש אויך, נאָר דאָס אַרט אונדז ניט בײַ דער איצטיקער טעמע). אין גאַליציע און בוקאָווינע איז די צאָל דײַטשן אַ קליינע, אָבער דײַטש איז געווען די מעכטיקע שפּראַך פֿון קולטור און פֿון דער אַדמיניסטראַציע, אין גאַליציע שיִער ניט ביז דער וועלט־מלחמה און אין בוקאָווינע, קען מען זאָגן, ביז הײַנטיקן טאָג. אַפֿילו אין אַ ווילנע אָדער קאָוונע, ווו בילדונג בײַ ייִדן איז ביז מיט אַ דור צוריק געווען צונויפֿגעקניפּט מיט דײַטש, ווו גבֿירים און אינטעליגענטן פֿלעגן האַלטן דײַטשע גובערנאַנטקעס צו די קינדער, האָבן דײַטשע ווערטער זיך אַרײַנגעזאַפּט טיפֿער אין דײַטשע ... עולם אַרײַן. ווי אַזוי זשע זאָלן מיר זיך באַציִען צו אַזוינע ייִדיש־דיאַלעקטישע עלעמענטן וואָס קומען פֿון דײַטש? פֿאַר מיר איז קלאָר: מעגן אָט די ווערטער פֿאַרן עולם פֿון דעם אָדער יענעם קאַנט האָבן דעם אָנבליק און דעם חן פֿון אמתע ייִדישע ווערטער, אָבער ווען זיי קלאַפּן אין דער טיר פֿון אונדזער קולטורעלער כּלל־שפּראַך, מוז מען זיי אויך נעמען אויפֿן פֿאַרהער און בודק זײַן. ס'איז אַגבֿ גאָרניט קיין ספּעציעלע חומרה, ס'איז נאָר אַן אָפּלייקענונג פֿון אײַנגערעדטע פּריווילעגיעס; וואָרעם יעטווידער וואָרט פֿון יעטווידער דיאַלעקט איז דען אַ יחסן מיט זײַן דיאַלעקטישקייט אַליין?

7. דעם גרונטגעדאַנק וועגן אָפּגרענעצן ייִדיש פֿון דײַטש וואָלטן מיר געקאָנט אַרויסברענגען אַזוי: כּל־זמן ייִדיש איז געגאַנגען ווי עס גייט זיך, כּל־זמן עס איז ניט געווען בײַ ייִדן קיין תשוקה צו אַ קולטיווירטער כּלל־שפּראַך, איז קיין מאָל קיין שאַרפֿע מחיצה צווישן די ביידע שפּראַכן ניט געווען. עס איז געווען גיכער אַ דעמאַרק־ליניע ווי אַ גרענעץ. ווי באַלד מיר ווילן אויף אַן אמת פֿירן אַן אייגענע שפּראַכיקע בעל־הבתישקייט, איז איצט געקומען די צײַט אײַנצושטעלן אַ פֿעסטן גרענעץ מיט אַלע סימנים פֿון אַ גרענעץ, און דער עיקר: מיט אַ שאַרפֿן גרענעץ־קאָנטראָל.

פֿאַר אַן ערשטן אָנהייב גיי איך דאָ איצטער אַוועקשטעלן אַכט כּללים פֿון אַנטידײַטשמעריש.

**8. כּלל א: נישט יעדער וואָרט וואָס גייט אום בײַ אַ גרופּע ייִדן איז ממילא אַ גוט ייִדיש וואָרט.**

וועגן דעם איז שוין געקומען צו רייד פֿריִער אַנטקעגן די ווערטער „פֿאַרריקט“ און „אַלזאָ“. אין פּרינציפּ וועלן געוויס אַלע מודה זײַן דערויף, אַניט וואָלט דאָך געווען לית דין ולית דיין. פּראַקטיש בלײַבט די שאלה: וואָסער וואָרט יאָ און וואָסער ניט. וועגן דעם ריידן די הײַנטערדיקע כּללים.

דערווײַל נאָר אויף איין פּונקט נאָך וועגן „אַלזאָ“. עס איז ניט ריכטיק, אַז בכן מוז האָבן אַ קאָמישן בײַבאַטײַט, ווי א. צייטלין שרײַבט. אָבער ס'איז אויך נישט ריכטיק, אַז בכן איז דער איינציקער עקוויוואַלענט פֿאַרן דײַטשן also. מען קען אויך איבערגעבן דעם באַגריף מיט ובכן, ממילא, הייסט עס, אויף אַזאַ אופֿן, אַזוי, אַזוי אַרום, על־כּן, לכן. טייל מאָל קומט אויס זייער נעראָטן דער ספּעציפֿיש ייִדישער באַנוץ פֿון איז: „איז זעען מיר פֿון די ראיות...“. הייסט עס פֿאַראַן קיין עין־הרע פֿון וואָס צו קלײַבן, מען דאַרף ניט אָנקומען צו קיין דײַטשמעריזם. און ווו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז דווקא איבערזעצן, אַז מען קען ניט די זאַך איבערטראַכטן אויפֿן אייגענעם שטייגער? יעמאָלט איז נאָך פֿאַראַן די מיגלעכקייט צו בויען דעם זאַץ אַזוי — דײַטש קען דאָס ניט — אַז ער זאָל זיך אָנהייבן ניט מיטן סוביעקט, נאָר מיטן פּרעדיקאַט. אַ שטייגער דעם פּסוק בראשית ח, יח: „ויצא נח ובניו ואשתו...“ זעצט לוטער איבער: Also ging Noah heraus... יהואש אין ייִדיש קען זיך פֿאַרגינען דאָס צו מאַכן אַנדערש: „איז אַרויסגעגאַנגען נח...“.

עפּעס דוכט זיך מיר, אַז עמעצער זאָגט: „ס'איז אַן אַנדער ניואַנס!“ איי דער ניואַנס, דער ניואַנס! איך הלוי, מען זאָל אונדז טאַקע געבן צו פֿאַרשטיין די אונטערשיידן אין די ניואַנסן, ניט סתם געבן אַ דערלאַנג איבערן קאָפּ מיטן טײַערן פֿרעמדוואָרט...

9. **כלל ב: ניט יעדער וואָרט וואָס איז פֿאַראַן ערגעץ אין אַ ייִדישן דיאַלעקט איז ממילא אַן עלעמענט פֿאַר דער ייִדישער קולטורשפּראַך. ענגע דיאַלעקט־ווערטער וואָס זײַנען אין דער זעלבער פֿאָרם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שרײַבשפּראַך מוזן אויסן בלײַבן פֿון דער ייִדישער כלל־שפּראַך.**

דער פּונקט וועט מיסתמא אַרויסרופֿן צום מערסטן וויכוחים, ווײַל ער טרעפֿט אויך אין אַזוינע פֿרײַנד, וואָס ייִדיש איז בײַ זיי ניסט הפֿקר און זיי פֿלײַסן זיך רײַכער צו מאַכן אונדזער קולטורשפּראַך דורכן ווערטער־אוצר פֿון אונדזערע דיאַלעקטן. בדרך־כלל איז דאָס געווים אַ גאָלדענער נאַנג; אָבער ניסט אַלץ וואָס גלינצערט איז גאָלד. אָט זאָגן קורלענדער ייִדן „בעהערדע״ (Behörde) אַפֿילו אין זייער ייִדיש רײדן. אין גאַליציע זאָגט מען כסדר „בלייד״ (blöde—נאַריש). אין ווילנע, אויב מען וויל זיך אויסדריקן ספּעציעל איידל, זאָגט מען ניט מאַגער, נאָר „מאַגער״; ניט אַ דאַנק, נאָר „דאַנקע״; מען זאָגט דאָ מאַסנהײַז (און, ווי ס׳אינפֿאָרמירט מיך נ. פּרילוצקי, איז דאָס אַרײַנגע אין טייל קאָנגרעס־פּוילן) נאַכער (nachher—דערנאָך). פֿון דעסט וועגן פֿאַרהאַק איך, אַז קיינער וועט ניט פֿאָרלייגן אַרײַנצונעמען אָט די ווערטער „בעהערדע״, „בלייד״, „מאַגער״, „דאַנקע״, „נאַכער״ אין אונדזער כלליש שרײַבשפּראַך אַרײַן. הײַנט ווי באַלד אַזוי, איז מיט וואָס איז בעסער „שטעמפּס״, באַשר מען זאָגט עס אין וואַרשעווער געגנט, געוויס זאָגן דאָס אין ייִנע מקומות מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר אויך, ס׳איז ניט אין דער בחינה פֿון די אָפּגעדײַטשמעריזמען „פֿאַררידקט״ און „אַלזאָ״, אָבער פֿאַרן כלל ייִדן איז דאָס ניט וואָס ייִדיש, נאָר בערלינער און מינכענער דײַטש. איך וואָלט נאָך געקאָנט פֿאַרשטיין די עקסנות, ווען ס׳זאָל געהערן גײַן וועגן ווערטער וואָס האָבן ניט אין ייִדיש קיין עקוויוואַלענטן. אָבער מיט וואָס האָבן זיך פֿאַרזינדיקט שטענדיק, תמיד, אַלע מאָל, אייביק (אין טייל דיאַלעקטן), אַלע יאָרן און אין גאַנצן, הויל, דורכויס, לחלוטין, לגמרי און אַזוי ווײַטער, אַז מען זאָל זיי דאַרפֿן פֿאַרבײַטן אויף ווערטער, וואָס פֿאַר נײַנציק ייִדן פֿון הונדערט האָבן זיי דעם טעם פֿון דײַטש; ניט מיר דאַרפֿן אַזוינע ווערטער איבערנעמען בײַ די צען פּראָצענט, נאָר יענע צען פּראָצענט דאַרפֿן זיך שטרעבן צו ניצן די דאָזיקע ווערטער אין דער גערעדטער און געשריבענער קולטורשפּראַך.

10. **כלל ג: אַרכאַיִזמען וואָס זײַנען אין דער זעלבער פֿאָרם פֿאַראַן אין דער נײַהויכדײַטשער שרײַבשפּראַך מוזן אויסן בלײַבן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער כלל־שפּראַך.**

דער גאַנצער עינין אַרכאַיִזמען באַדאַרף אַרומגערעדט צו ווערן ברייטער; דאָ רייד איך אים אָן נאָר אויף וויפֿל ער איז דירעקט שייך צו אונדזער טעמע. ס׳איז כשר־ווישר אַזאַ וואָרט ווי נײַערט (דאָס הייסט ניט, אַז מען מוז עס ניצן, נאָר מען מעג). ס׳קען אָנגיין אַזאַ וואָרט ווי באַשיידלעך (בפֿירוש, קלאָר). איך האָב זיך געמלכטיקט בײַם איבערזעצן פֿרוידס „אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז״ צו באַנײַען דעם אַלטייִדישן אויסדרוק אָפֿנוואָר (manifest) ווי אַ היפּוך פֿון פֿאַרבאַהאַלטן. אָבער ווען איך זע, ווי נ. פּרילוצקי ברענגט מיט הנאה פֿון וויצענהויזנס תנך־איבערזעצונג „פֿון אַלטערס הער״, און עס איז פֿאַראַן אַ סכנה, אַז עמעצער זאָל אָננעמען דעם ציטאַט ווי אַ רעקאָמענדאַציע, ענטפֿער איך: פֿאַר מיר איז דאָס פּשוט דײַטש von alters her, און ווען מען זאָל דאַרפֿן דערויף ליטעראַרישע אויפֿהײַזן, קען מען אַרויסשרײַבן פֿון אַ דײַטשן ווערטערבוך ניט איין אויפֿהײַז, נאָר צען. אָבער מען דאַרף נאָך קיין אויפֿהײַזן ניט, ווײַלע ס׳איז פֿון די גאָר נײַיִקע דײַטשע ווערטער. דעריבער איז עס בײַ מיר פּסול. אײַ עס שטייט דאָך בײַ אַ ייִדישן מחבר; האָט עס בײַ מיר די זעלבע ווערדע, ווי ווען מען וואָלט געבראַכט אַ ראיה, אַז בײַ דיקן שטייט „היידאַטן״, „דערב״, „איינע שיינע באַנעבנהייט״, „באַטרינקן״ און נאָך אין דעם ערך.

**11. כּלל ד: כּיין ניט, אַז דײַטשע ווערטער זײַנען שוין געכּשרט אין יידיש, אויב מען האָט אַ קאָפּ געביטן זייער אויסלייג און אויסשפּראַך.**

דקרבו מקריב קבּלס לדוגמא.

אינעם ערשטן נומער „חבצלת דיא ראָזע אַ יידישער פֿאַמיליען בלאַטט, פֿאַר אַלע אוהבֿי ציון ווירושלים, ערשיינט לבֿה כּהה צהיי מאָהל אים חודש", ירושלים ב׳ אייר תרל״ז [אַפּריל 16, 1877], גיים צום אָנהייב: „פֿאָדהאַ״ב אָדער פּראָסט גירעט אַ הקדמה", און דאָרטן לייענען מיר אַזאַ זאַץ: „דיא פֿערשידענע מיני דבֿ״א״ת, דאָס הערין בענוצט צו דער היילונג פֿאָן פֿערשידענע קערפּערליכע קראַנקהייטען וועדין איבעהויפּט בו טהיילט אָף צהיי סאָרטען: איננערליכע אונד אויסערליכע; אָדער מאַקע פּראָכט אָף יידיש גירעט ׳אינוועגדיגסטע און אויסוועני-דיגסטע׳". די ברײַבנג פֿון די גוטע יידישע ווערטער איז דאָ נאָך אויך אַ דײַטשמעריזע, אין יידיש איז דאָ קיין ״בד״ ניבאָ; אָבער סאַראַ פֿײַנער געפֿיל פֿאַרן אונטערשייד צווישן דײַטשמעריזע און יידישע ווערטער! innerlich און äusserlich קען מען ניט מנייר זײַן מיט דעם וואָס מען פֿאַריידישט די אויסשפּראַך פֿונעם ,אויסלאָזטראָם.

איך נעם דאָס דײַטשע üben, Übung. פֿאַראַן בײַ אונדז נאָענטע מענטשן וואָס מיינען, אַז מיט איבערבײַטן ü אויף i זײַנען זיי יוצא. ס׳איז עלעהיי אַלטער יקנה״ז וואָלט איינעם פֿון די צהיי בחורים וואָס ער האָט צוזאַמענגעפֿירט אָנגעטאָן אויף גיך אַ מיידלש קליידל און געמיינט, אַז איצטער קען ער שוין פֿירן דאָס פּאָרל צו דער חופּה. בײַ אונדז געפֿינען זיך אָבער ריידערס און שרײַבערס, אַפֿילו יידישיסטן, אַפֿילו לערערס פֿון אונדזערע יידישע שולן, וואָס הייסן גאָרניט אַנדערש ווי „איבונג", „איבן זיך", „אײַנגעאיבט" אין דאָס גלײַכן. טאָמער איז דאָס ווינציק, האָט מען זיך אַפֿילו אויסגעלערנט „אויסאיבן אַ דרוק", און איינער אַ חשובֿער יידישער כּלל-טוער וואָס האָט אין די יונגע יאָרן ניט געלערנט קיין דײַטש (וואָס קומט אים דערפֿאַר?), ווערט נעבעך ניכשל דערבײַ און זאָגט בסדר: „אויסדריקן אַן איבונג".

איך הער שוין אַ קשיא: טאָ ווי אַזוי ווילט איר? אין גרונט וואָלט איך ניט, אַז איך בין מחויבֿ צו ענטפֿערן דערויף; אויב איך זאָג, אַז אַ וואָרט טויג ניט, מיינט עס נאָר, אַז מיר אַלע אין איינעם מוזן זוכן עפּעס בעסערס. אָבער לאָזט זיך דינען: איך וויל געניטט און אַלץ וואָס לאָזט זיך דערפֿון אַרויספֿירן. געניט זעט הײַנט אויס ווי אַן אַדיעקטיוו, אָבער לכתחילה איז דאָס אַ פּאַרטיציפּ פֿונעם צײַטוואָרט געניטן זיך, וואָס מיר באַגעגענען עס אין אונדזער עלטערער ליטעראַטור מיטן פּשט: זיך פֿלײַסן, האָרעווען, sich üben. איך כאַפּ אַרויס אַן עלטערן אויפֿווײַז פֿונעם ספֿרל: „מעשה... ווערטינדיהי" [פּראָג, אַרום 1660], ווו מיר לייענען אויף ז׳ 12 וועגן איינעם וואָס איז צונעקומען צו אַ טיפֿן וואַסער: „ער גנייטט זיך פֿיל ביז אי ער דר דורך קאַם". בײַ גליקל האַמיל באַגעגנט זיך דאָס היפּש מאָל, און אין זײַן אַרבעט וועגן גליקלס שפּראַך ברענגט אַ. לאַנדוי אויך אַן אויפֿווײַז אויף דעם וואָרט פֿון „מעשׂה-בוך". פֿון גרײַזע, לעבן לאָמזשע, האָט ד״ר א. אָלשוואַנגער געדענקט אַ וואָרט אײַנגעניטן זיך, און אויף דעם סמך האָט ער אין זײַן איבערזעצונג פֿון יונג „דער קליינער געאָמעטער" (פֿאַרלאַג „וואָסטאָק", בערלין 1921) אײַנגעפֿירט אײַנגעניטונג. דער נאָנג איז מיר בשעתו שטאַרק געפֿעלן, נאָר בײַ מיר איז אויסגעקומען, אַז דאָס דערמאָנט צו שטאַרק אינעם זאַכוואָרט „די ניט" (אַ טשוועקל וואָס איז ברייט פֿון ביידע ברעגן; וואַקסט היסטאָריש פֿון אַן אַנדער האָרצל ווי „בעניט"), האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף געניטן זיך, געניטונג: מען דאַרף זיך געניטן (אָדער: אײַנגעניטן), מען דאַרף דורכמאַכן געניטונגען, כּדי צו ווערן געניט. דאָס וואָרט מײַנס האָט זיך נישקשה אָנגענומען סײַ בײַ אונדז, סײַ אין די לערנביכער פֿון אַנדערע לענדער, און ס׳איז אַ האָפֿענונג, אַז במהרה בימינו וועלן מיר קוקן אויף „איבונג" מיט דער זעלבער סימפּאַטיע ווי מיר קוקן שוין הײַנט אויף „בעדירפֿניס", „פֿאַרדאַמען", „פֿאָרזיצנדער" וכדומה.

**12. כלל ה: אויב די שרשים זיינען אפילו פאראן אין יידיש, קען מען ניט צוגעבן צו זיי קיין פרעפיקסן אדער סופיקסן וואס זיינען אין יידיש ניטא.**

דאָס קען מען אָפּמאַכן בקיצור, מחמת מען דאַרף רעכענען, אַז עס זײַנען ניטאָ בײַ אונדז קיין צו פיל בעלנים צו שרײַבן „דאַרשטעלן", „ריקצוג", „מאַסנהאַפט", „זאָרגפעלטיק", „שווײַגזאַם" וכדומה.— טייל ענינים פאָדערן אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג, אַ שטייגער די פראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן די פּרעפיקסן פאַר-, פאָר-, פיר-.

**13. כלל ו: ניט קיין אָפּשפּראָצן פון דײַטשע שרשים, אויב די שרשים גופא זײַנען אין יידיש ניטאָ.**

ווידער אַ מאָל נאָך געציילטע דוגמאות:

היות מיר האָבן ניט קיין צײַטוואָרט senden, קען ניט אָנגיין אויף יידיש „זענדונג" אָדער „געזאַנדטער". סאָ ווי אַזוי דען זאָל מען זאָגן? גאַנץ פּשוט: מען דאַרף גיין מיטן זעלביקן וועג ווי אַנדערע שפּראַכן און פורעמען אויך אַזעלכע אָפּשפּראָצן פונעם יידישן שורש שיק, דהײַנו: שיקונג, געשיקטער. בײַם צווייטן וואָרט וועט איר זיך אפשר פאַרהאַקן, ס'קוקט אויס פרעמדלעך. אָבער באַטראַכט זיך נאָך, אַז דאָס פראַנצייזישע envoyé וואָס איז געווען די דוגמא פאַר Gesandter איז אויך ניט מער ווי אַ פּאַרטיציפּ פון דער פאַרגאַנגענער צײַט. דאָס פּוילישע poseł, דאָס רוסישע посланник זײַנען מער קאָמפּליצירטע סובסטאַנטיוון; איז אויב מען וויל דווקא, עס זאָל בײַ אונדז אויך זײַן מער קאָמפּליצירט, האָלט מען געקאָנט קאָנסטרויִרן: דער שיקלינג מיטן סופיקס -לינג, וואָס ער איז נאָך אין יידיש ניט אָפּגעשטאָרבן. איך רעקאָמענדיר דאָס ניט; מײַן כוונה איז נאָר צו ווײַזן, אַז „געזאַנדטער" ווערט ניט יידיש פון דעם וואָס מען שרײַבט עס איבער מיט יידישע אותיות.

Erfindung איז ניט קיין יידיש, און מיט דעם, וואָס מען זאָגט און שרײַבט „דערפינדונג" פאַרריכט מען ניט די מכשלה—ניט נאָר צוליב דעם פּרעפיקס, נאָר דער עיקר צוליב דעם שורש: אין יידיש, פון ברעג ביז ברעג יידישע שפּראַך-טעריטאָריע, זאָגט מען ניט finden, נאָר געפינען. אויב עס געפעלט אײַך ניט ז. רייזענס אויסגעפינס (מיר געפעלט עס יאָ, אַ סך מער ווי אויס-געפינעכץ), זוכט זײַט מוחל ווײַטער, אָבער מאַכט זיך ניט גרינג דאָס לעבן דורך אַרײַננעמען אין אײַערע רייד דאָס דײַטשע וואָרט. געוויינט זיך צו צום געדאַנק, אַז „אַ פײַנע ערפינדונג" האָט פונקט אַזאַ טעם אין יידיש, ווי ווען איר וואָלט געזאָגט: „אַ פײַנער ווינאַלאַזעק" אָדער „אַ פײַנע איזאָברעטעניע" אָדער „אַ פײַנע אינוהענשך".

פון אַזאַ וואָרט ווי „צעשטרייט" דאַרף מען זיך אָפּטרייסלען, מחמת אין יידיש איז דער שורש streuen ניטאָ.[1] סאָ ווי אַזוי? קלײַבט זיך אויס: צעטראָגן, פאַרטראָגן, צעשאָטן, צעפלוינען (אַ צעפלוינענער מלאך). לייגט פאָר עפּעס בעסערס, נאָר שטעלט ניט אַוועק קיין פרעמדס, ווײַל עס שטאַרצט ווי אַן איבערבײַן.

---

1 אגב איז משמעות zerstreut אין דײַטש גופא מיט דעם פשט אויך אַ פּראָדוקט סך-הכל פון 18טן י"ה, געפורעמט אונטער דער השפעה פון פראַנצ' distrait. לעסינג האָט געשריבן 1767 אין זײַן Hamburgische Dramaturgie:

Ich glaube schwerlich, dass unsere Grossväter den deutschen Titel dieses Stücks [Der Zerstreute] verstanden hätten. Noch Schlegel übersetzt distrait durch Träumer. Zerstreut sein, ein Zerstreuter ist lediglich nach der Analogie des Französischen gemacht.

**14. כלל ז: ניט ניט מיטן דײַטשן פשט אַזױנע װערטער, װאָס אין יידיש האָבן זײ אַן אַנדער פשט. פֿאַרלאָז זיך ניט דערבײַ בלינד אױף אונדזערע װערטערביכער און אונדזערע שרײַבערס.**

מיר קומט תמיד אױפֿן זינען די מעשׂה־שהיה מיט אַ דײַטש װאָס איז נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע געבליבן אין הילנע און געװאָרן אַ לערער פֿון צײכענען אין אונדזערע שולן. אײדער ער האָט זיך אױסגעלערנט ייִדיש פֿלעגט ער רעדן צו די קינדער דײַטש, און װי עס איז האָט מען אים פֿאַרשטאַנען. אײן מאָל האָבן אים די קינדער געמאָלדן, אַז אין קלאַס זײַנען ניטאָ גענוג בלײַערס און מעקערס. האָט ער אַ זאָג געטאָן אױף זײַן לשון: Na, Kinder, da müssen wir uns eben einrichten— און ער איז געװען פֿאַרחידושט, װאָס דער גאַנצער קלאַס האָט אױסגעפּלאַצט אַ געלעכטער. הײנט שפּעטער האָט מען אים געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז אױף ייִדיש איז אײַנריכטן זיך עפּעס אַנדערש װי אײַנאָרדענען זיך.

אײַנשטעלן מײנט אין ייִדיש: אױפֿשטעלן, אײַנפֿירן, אײַנאָרדענען (אַחוץ װאָס ס׳האָט נאָך אַ טײַטש: ריזיקירן). אין דײַטש בעט זיך בײַ einstellen קודם־כּל דער פּשט: איבעררײַסן, אָפּשטעלן. אױף אַזאַ אופֿן קומט אױס, אַז די קאָמוניקאַציע צװישן פּױלן און ליטע איז אין ייִדיש אײַנגעשטעלט געװאָרן פֿריליגנ 1938 און אין דײַטש מיט אַכצן יאָר פֿריִער.

אױף אַזױנע װערטערשפּילן פֿון שפּראַך צו שפּראַך זײַנען געבױט היפּש אַנעקדאָטן. אַ ייִד אַ דאָרפֿסגײער לײגט פֿאַר דעם דײַטש צו קױפֿן עפּעס, דער פּריץ זאָגט זיך אָפּ. רופֿט זיך אָפּ דער ייִד: „נו, אױב איר דאַרפֿט ניט...". הערט דער דײַטש אָנגעצונדן, האָרכט אױף זײַן לשון מײנט דאָך דאָס, אַז ער טאָר ניט.

אָדער אַזאַ סצענע: אַ דײַטשער דאָקטער װיל אױסהערן אַ ייִדישן חולה; װײַזט ער אים אָן אױף דער קאַנאַפּע און זאָגט: ziehen Sie sich aus. ענטפֿערט דער ייִד: „פֿריִער װעל איך זיך אױסטון!"

דער אומגליק איז אָבער, װאָס אין דעם גרײַז פֿאַלט מען אַרײַן גענוג אָפֿט ניט אױף צו פּלײַסנס. אָט האָב איך אין „ייִדיש פֿאַר אַלע" באַגעגנט עטלעכע מאָל „פֿאַרװענדן" מיטן פּשט „ניצן". פֿאַר מײַן געפֿיל הײסט פֿאַרװענדן אין ייִדיש—פֿונעם אײַנבינדערשן לשון—מערניט אײן זאַך: פֿאַרבײַטן די קונטרסים. אמת טאַקע, בײַ הארקאַװין און אַפֿילו בײַ ליפֿשיצן אין די װערטערביכער זײַנען געבוכט בײדע טײַטשן, אָבער דאָס װײַזט מיר נאָר, אַז צו די װערטערביכער דאַרף מען אױך צוגײן קריטיש. אַפֿילו בײַ ליפֿשיצן, װאָס ער האָט ניט צו זיך זײַנס גלײַכן, זײַנען אױך פֿאַראַן פּנימות. און װאָס שײך צו הארקאַװיס אױסגעצײכנטן נײַעם ייִדיש־ענגליש־העברעישן װערטערבוך (ערשטע אױסגאַבע 1925, צװײטע 1928), איז אַזױ: הארקאַװי האָט אַרײַנגענומען כּל המיני װערטער װאָס ער האָט באַגעגנט אין דער שפּראַך, ניט צו קוקן דערױף, צי מען קען זײ רעקאָמענדירן צי ניט. אָט גיב איך אַ מיש הארקאַװין אױף טראַף און נעם: „אָטשערעדן" (טוהאָרט: שטײן אין אַ רײ), „דװאָריאַנסטװע", „דװיגן זיך" (בלאָזן זיך), „װאַרצאַדלע" (שפּיגל), „װיד" (אױסזען; דאָקומענט), „זונדערבאַר" (מאָדנע), „מעטקע" (סימן) און אַזױ װײַטער. איז װאָס, דאָס זײַנען אַלץ װערטער פֿאַר דער ייִדישער קולטורװירטער כּלל־שפּראַך אין דעם זכות פֿון הארקאַװיס בוכונג?

נאָך אײן משל. בײַ הארקאַװין געפֿינען מיר באַזוכן מיט צװײ טײַטשן: א) קומען מיט אַ װיזיט, ב) מאַכן אַ רעװיזיע, באַטאַפּן. אױף װיפֿל הארקאַװי װיל פֿאַרפֿיקסירן דעם פֿאַקטישן ריידבאַנוק, איז ער גערעכט, „מען זאָגט" טאַקע אַזױ. אָבער רעקאָמענדירן קען מען נאָר דעם באַנוק מיטן צװײטן טײַטש. דאָ קען דעם סניגור אַפֿילו ליפֿשיצעס זכות ניט בײַשטײן; ליפֿשיץ נים אין זײַן ייִדיש־רוסישן װערטערבוך מערניט דעם טײַטש װאָס שטײט בײַ הארקאַװין אונטער 2, און אין רוסיש־ייִדישן װערטערבוך זעצט ער איבער посѣщать מיט „זײַן צו גאַסט", посѣщеніе מיט: „דער װיזיט". דאָס אַלײן איז גענוג אױף אַרײַנצולײגן אין חרם דאָס װאָרט „פֿאַררוקט". אױב איר װילט מאַכן אַ קאָמפּלימענט אײַער גוטן־פֿרײַנד, קענט איר אױף אים זאָגן: משוגע, מטורף, חסר־דעה, ניט בײַם דעת, ניט בײַם קלאָרן זינען, געדרײט, צעמישט, דול — אַדרבא, זאָלן די ליטװינער אַרײַנשיקן נאָך עקװיװאַלענטן—אָבער אַז ער איז „פֿאַררוקט" (אין פּױלישן ייִדיש הערט זיך דער װאָרט װי אַן i־קלאַנג) קען מען ניט זאָגן. בײַ פֿאַררוקן קומט אַ ייִדן אױפֿן זינען דער טשאָלנט.

15. כלל ח: בעסער אַן אינטערנאַציאָנאַליזם איידער אַ דײַטשמעריש וואָרט.

אויב מיר האָבן ניט קיין היימישן עקוויוואַלענט פֿאַר empfehlen, דאַרפֿן מיר ניט בלית־ברירה „עמפּפֿעהלען״, נאָר מיר דאַרפֿן רעקאָמענדירן. אַגבֿ אין טייל פֿאַלן איז זייער אַ גוט וואָרט נאַראַיען, און מיר דאַרפֿן ניט מורא האָבן, וואָס עס קומט צו אונדז פֿון סלאַוויש. לאָמיך ברענגען אַן אויפֿהייז פֿון מענדעלען, מײַן לעבן, יוב׳ אויסג׳ XIX ז׳ 32: „מילא אַ נאָמען, דאָס איז פֿון די קלייניקייטן, מען גיט עס אומזיסט. אָבער ׳טענ׳, נאַראַיען אַ פּריק טעג צו עסן — דאָס איז כוין אַן עסק־פּרוּהם״. אדרבא צוקלײַבן דוגמאות און דעפֿינירן, ווען מען קען יאָ פֿאַרבײַטן רעקאָמענדירן דורך נאַראַיען און ווען ניט. דאָס איז אַ פֿײַן ברעקעלע שפּראַך־פּסיכאָלאָגיע.

דאָס איינענע: אַנשטאָט דער הילצערנער „בעראַטונגס־שטעלע״ מוזן מיר זאָגן קאָנסולטאַציע, ביז ווענען אַ שפּעפֿרישער מענטש וועט שאַפֿן עפּעס בעסערס.

אויב עס געפֿעלט אײַך ניט אַכטנעבונג, איז דאָס נאָך אַלץ ניט קיין הכשר אויף „באַאָבאַכטונג״, מחמת ס׳איז בײַ אײַך נאָך אַלץ די ברירה צו ניצן אָבסערוואַציע.

הײַ באַלד מיר האָבן ניט אין ייִדיש Bote און Botschaft, קען ניט געמאָלט זײַן „באָטשאַפֿטער״. אַגבֿ בײַ אַזאַ מין הײנטיק ייִדישן לינין איז ווי אָנגעמאָסטן דער אינטערנאַציאָנאַלער טערמין אַמבאַסאַדאָר — סײַדן איר וועט צוקלערן עפּעס בעסערס.

16. די אונטערשטע שורה:

ניטאָ נאָך אַזאַ שונא פֿון אַ קאָרעקטן, געשמאַקן, פּינקטלעכן, ייִדישן כּלל־ייִדיש ווי דײַטשמעריש. די נאַטירלעכע טענדענץ אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער שפּראַך פֿון די אַשכּנזישע ייִדן איז פֿון דער התחלה אָן געווען: אַוועקגיין פֿון דײַטש, שאַפֿן אייגנס; און ספּעציעל בולט זעט זיך דאָס אַרויס בײַ יענעם צווײַג ייִדיש וואָס איז בײַגעשטאַנען די שטורעמס — בײַ ייִדיש אין מיזרח־אייראָפּע. נאָר די דאָזיקע נאַטירלעכע טענדענץ פֿלעגט פֿאַרשטערט ווערן דורך דײַטשמערישע שטראָמען וואָס האָבן געפֿלייצט פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן. איצטער, ווען מיר זײַנען געקומען צו דערקענען די קולטורעלע און שפּראַכיקע כּוחות אונדזערע, ווען מיר גייען צו וויסיק און מיט ליבשאַפֿט צו אונדזער כּלל־ישער קולטורשפּראַך, מוז יעטווידער שפּראַכיקער עלעמענט אַדורכגיין אַ קאַראַנטין. און ניטאָ קיין כּל דכפֿין. עס טאָר נישט געמאָלט זײַן, אַז אויב עמעצער האָט זיך אויסגעלערנט אַ נײַ דײַטש וואָרט פֿון אַ דײַטשן ביכל צי פֿון אַן אַרטיקל אין אַ ייִדישער צײַטונג, אָדער אויב אַפֿילו מען האָט עס געפֿונען אין אַ ייִדישן דיאַלעקט צי אין אַן אַלטייִדישן טעקסט, זאָל מען דאָס באַלד קענען אַרײַנפֿירן אין קהל. אַ וואָרט בכלל, און על אַחת כּמה וכמה אַ נײַהויכדײַטש וואָרט, דאַרף אויפֿווײַזן זײַנע רעכט אַרײַנצוקומען אין אונדזער כּלל־שפּראַך אַרײַן, דאַרף דערווײַזן, אַז עס האָט קרובֿים בײַ אונדז, וואָס נעמען עס אַרײַן אין דער מישפּחה. זײַן פּשוט אַ „ניכתבֿ״ אין אַ ווערטערבוך, אין אַ טעקסט, איז ווינציק. פֿאַר אַ „פּרעקלוזיע״ בײַם אַרײַננעמען דײַטשמעריזמען אין דער כּלל־שפּראַך. אַלט איך אָנגענומען מענדעלע מוכר ספֿרים ווערק. מענדעלע איז געווען גרויס בײַ אונדז, אַז דאָרטן, ווו ער איז אַ פֿירשפּרעכער, זאָלן מיר דן זײַן לכּף זכות. אויב אָבער אַ דײַטשמעריזם איז געקומען שפּעטער, זאָל ער מוחל זײַן אויפֿווײַזן זײַנע זכיות. אַ שטיקל אײַנזעעניש וועלן מיר דערבײַ דאַרפֿן האָבן מיט ווערטער פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, כּל־זמן מיר קענען זיי ניט פֿאַרבײַטן אויף קיין בעסערע. אָבער בודק־זײַן מוזן מיר די קאַטעגאָריע ווערטער אויך, וואָרעם די וואָס האָבן אונדז דערמיט מזכּה געווען זײַנען טייל מאָל אַליין געווען אויף שפּראַך קנאַפּע מבֿינים. אויף דער הייסער מינוט האָבן זיי געמוזט טראַכטן מער וועגן דעם עיניין ווי וועגן דעם וואָרט; אָבער איצטער, אַז דעם עיניין ווייסן שוין ייִדן, זײַנען מיר שוין אויף אַזוי פֿיל אויסגעוואַקסן, אַז טראַכטן וועגן דעם וואָרט איז שוין מער אויך ניט קיין לוקסוס. מער ווי דאָס: עס איז גאָר נייטיק פֿאַר דעם זעלביקן כּלל־עיניין, וואָס פֿון זײַנט וועגן טוען די געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען.

17. נאָך איין וואָרט אויף צוצוהערן די אָפּאָנענטן. ווינציקער ווי אַלע בין איך אויסן צו פֿאַרטײַדיקן דעם וועג פֿאַר שפּראַכיקע אויפֿטוען דורך אָפּפֿרעגן יעטווידער גײַס. אַדרבא, אין אַזאַ איצטיקער סטאַדיע נייטיקט זיך אונדזער שפּראַך אין אויפֿטועריש חידושים אַזוי ווי אַ פֿיש אין וואַסער. איך וויל אָבער אָפּשאַצן די נײַסן וואָס מען טראָגט אונדז אונטער, און איך וויל אויסגעפֿינען אין יעטווידער איינציקן פֿאַל, צי דער חידוש נעמט זיך פֿון ניט וויסן די נאָרמע (יעמאָלט איז דאָס אַ נעגאַטיווער פֿאַקט), אָדער ס׳איז אַן אַקט פֿון שעפֿערישקייט — יעמאָלט וועל איך בענטשן דעם אויפֿטוער. וואָס שייך צום אַרײַנברענגען העברעיזמען אין ייִדיש, איז דאָס אַלע מאָל אַן אַקט פֿון שפּראַכיקער אימפּאָטענץ; קיין שום שעפֿערישקייט איז דאָ ניטאָ.

מ. ווײַנרײַך

# די שפּראַך פֿון יחיאל לערערס „מײַן היים"

דעם ליטעראַרישן און פּאָעטישן ווערט פֿון דעם ווערק (וואַרשע 1936—1937, 137 זז׳), וואָס פֿאַרנעמט אַ זייער אָנגעזעען אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון נאָך דער וועלט-מלחמה, האָב איך באַהאַנדלט אין „מאָמענט" (נומ׳ 90 פֿון 15טן אַפּריל 1938). דאָ וועלן קומען אַ פּאָר באַמערקונגען ספּעציעל וועגן דער שפּראַך און וועגן דעם סטיל פֿון דעם בוך.

## דער גראַם

**1.** כ׳וועל אָנהייבן פֿון די גראַמען: עס באַהערש זיך שטאַרק אָן צו קאָרעקטקייט פֿון שפּראַך און סטיל!

**2.** די ווערסיפֿיקאַציע איז בײַ לערערן אין כּלל אַרײַן זייער אַ לײַכטע. זעלטן ווו עס פֿעלט זיך בײַ אים אַן אָנשטרענגונג. בלויז אין געבײַלטע ערטער קומט דער בוי פֿון זאַץ פֿאַר אַ ביסל געבראָכן לשם גראַם.

אַן אייגנטימלעכקייט פֿון דעם בוך איז דעם מחברס שוואַכקייט צו גראַמען לויט דער אויסשפּראַך פֿון זײַן מוטער-דיאַלעקט, וואָס געהערט צו מיטל-ייִדיש. מע טרעפֿט בײַ אים דערבײַ אָפּט אַזעלכע פֿאָרלעך:

— מיט גוטן: אויסגעמיטן. — בליכצן: הימן [דיאַלעקטיש אַרויסגערעדט: himən].— איצט: געפוצט.— יונג: גרינג.— טראַ-לאַ-לאַ: חי [xaa].— אַדורך [ədoRx]: שאָרך.— אײַ-אײַ-אײַ: ווײַ [vaj].— דערויף [dəRof]: סוף.— גאָט: געלאָט [= געלאָזט]. — אות: אַרויס [əRoos].— בויך [boox]: תּוך.— צינען [=צינדן]: געפֿינען...

ס׳איז אַפֿילו ניט אין אָרדענונג. אין ווערק, וואָס זענען געשריבן אין קולטור-ייִדיש, זענען אַ חיובֿ גראַמען, וואָס זאָלן שטימען מיט דער אָבליגאַטאָרישער מוסטער-אויסשפּראַך.[1] איז אָבער די לעצטע נאָך עד-היום נישט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, און נישט פֿאַראַן בײַ אונדז כמעט קיין איין דיכטער, וואָס זאָל נישט זינדיקן קעגן איר. מוזן מיר אויך לערערן מוחל זײַן.

**3.** אַקעגן, קומט אים אַ פֿאָרוואָרף פֿאַר די גראַמען (אמת, זייער צאָל איז גאַנץ קליין), וואָס זענען נישט קאָרעקט אַפֿילו לגבי זײַן אייגענער אויסשפּראַך, ווי אַ שטייגער:

— שמועסן: וויסן [ʃmiisn : vysn].— שטיל: פֿיל [ʃtyl : fiil].— קעז: בעז [kejz : bez]. — פֿאַרשעמט: פֿרעמד [vəʃejmt : fRemd]...

---

[1] און חוץ דעם זאָלן זיך ווי ווײַט מעגלעך פּאָרן וואָקאַלן ניט בלויז אַלץ אײנס קלינגענדיקע, נאָר אויך גאַנץ אידענטישע, וואָרן ס׳רובֿ נאָר אין אַזאַ פֿאַל קען דער גראַם זײַן איבערדיאַלעקטיש, ד״ה האַלטן זיך כמעט בײַ אַלע אויסשפּראַכן.